**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סיטי געווינער פון זיבעטע רונדע פון שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און צווייטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם**

***לאנג איילענד סיטי צו באקומען 10 מיליאן דאלאר פון שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו; האדסאן סקווער צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר פון NY Forward***

***שטאט-צענטער אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואוקס סטראטעגיע***

***100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט ארויף אויף די שוואונג פון דעם ערפאלגרייכן 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו' צו שטיצן א מער גערעכטע ערהוילונג פאר שטאט צענטערן פון ניו יארק'ס קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז לאנג איילענד סיטי וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלס די ניו יארק סיטי ראיאנישע געווינער פון די זיבעטע רונדע פון די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו', און אזוי אויך די האדסאן סקוועיר געגנט אלס די היי-יאריגע ניו יארק סיטי NY Forward ('ניו יארק אויף פאראויס') געווינער, באקומענדיג 4.5 מיליאן דאלאר. פאר די 7'טע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו, וועט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען באקומען $10 מיליאן, צו דערגרייכן א סך הכל סטעיט פארפליכטונג פון $100 מיליאן אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורך איבערארבעטן שטאט-צענטערן צו ווערן לעבהאפטע געגנטער.

"אין די שטאט וואס שלאפט קיינמאל נישט, ברענגען מיר אריין נאך א רונדע פון אינוועסטירונג צו אויפווייזן אז די סטעיט שלאפט אויך קיינמאל נישט. מיר וועלן פארזעצן צו ארבעטן מידלאזערהייט צו אריינבלאזן א נייע חיות אין ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן – גרויס און קליין – אזוי ווי זיי זענען די הארץ קלאפ פון אונזערע קאמיוניטיס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward, וועלן לאנג איילענד סיטי און האדסאן סקוועיר יעצט האבן די טריב און געלעגנהייט צו אויפלעבן זייערע שטאטישע צענטערן און באררייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר זייערע איינוואוינער און פאר אלע וועלכע באזוכן דארט."

בויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגזאמע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער $100 מיליאן NY Forward פראגראם אן די זעלבע "פלאנט-דערנאך-אקט" פלאן ווי די DRI אבער פאר ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ארויס פון שטאט.ביידע לייגן צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג צו שטיצן א מער גלייכע אויפבוי פון שטאט-צענטערן.מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג לעצטע יאר פון 100 מיליאן דאלאר פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און פאר NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1 ביליאן דאלאר איןביידע פראגראמען

זייט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן. דער גאווערנאר האט פארגעשלאגן נאך 100$ מיליאן פאר יעדע פראגראם, צוקומענדיג צו א סך הכל פון 200$ מיליאן, אין איר פיסקעל יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט.

**10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו גרענט פאר לאנג איילענד סיטי**
לאנג איילענד סיטי, שטייענדיג אין א געאגראפישע און טראנספארטאציע צענטער פון ניו יארק סיטי, איז א וויכטיגע עקאנאמישע טרייב-קראפט פאר דעם ראיאן מיט א פארשידנארטיגע רייע פון אינדוסטריעס און שיין-באצאלטע דזשאבס. עס האט אן אייגנארטיגע כאראקטער אלס א דיסטריקט מיט אויסגעמישטע באנוצן, מיט איינס פון די שנעלסטע-וואקסנדע באפעלקערונגען, נייע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, טעכנאלאגישע און ביאלאגישע וויסנשאפט סעקטארן, אן אויסגעברייטערטע ביזנעס פארבעסערונג דיסטריקט, גרויסע און גאר פראדוקטיווע אינדוסטריאלע ביזנעס זאנעס און א לעבהאפטיגע קולטורישע און קונסטווערק קאמיוניטי. אין די צייט וואס לאנג איילענד סיטי זעהט צו וואוקס און פריוואטע אינוועסטירונג אין געוויסע געאגראפישע געגנטער און סעקטארן, ליגן אנדערע געגנטער און סעקטארן אומגעפלעגט. די אומגלייכע וואוקס דראעהט אויף די כאראקטער פון געמישטע באנוץ און עקאנאמישע ווארילזיין פון די גאנצע קאמיוניטי און די גרעסערע ראיאן. כדי זיך צו אפגעבן מיט די שוועריגקייטן און אויסנוצן די געלעגנהייטן, וועט די DRI גרענט גענוצט ווערן צו ארויסברענגען די מאקסימום פון לאנג איילענד סיטי'ס אויפשטייגנדע קאמיוניטי אייגנשאפטן און אויפטרייבן פריוואטע אינוועסטירונג צו שאפן אן איינוואוינער-פריינטליכע, אינקלוסיווע קאמיוניטי מיט געמישטע באנוצן און א שטאט-צענטער דעסטינאציע.

**4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט פאר האדסאן סקווער**
האדסאן סקווער איז א געגנט מיט אומגעפער 33 בלאקס אויף די לענג און ברייט, געפונענדיג זיך אין לאָווער מאנהעטן'ס וועסט סייד. די געגנט ווערט הויפטזעכליך גענוצט פאר ביזנעס, מיט איבער 12 מיליאן סקווער פיס פון אפיס ספּעיס. צוליב איר לאנגע אינדוסטריאלע היסטאריע, זענען האדסאן סקווער'ס געסער מער פאסיג פאר די באוועגונג פון סחורות און קארן/טראקס ווי די באוועגונג פון מענטשן. אין צוגאב, איז די געגנט איז אויך היסטאריש געווען אפגעהאקט פון די ארומיגע טיילן פון לאָווער מאנהעטן, אריינרעכנענדיג סאָוהאָ, די וועסט ווילעדזש און טרייבעקא. די NY Forward גרענט וועט ארויסהעלפן צו מאכן לאקאלע ביזנעסער וואקסן, פארמערן געלעגנהייטן פאר פלעצער צו וואוינען און צו פארבינדן די דיסטריקט מיט די דערנעבנדע קאמיוניטיס.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי איז א 'מעקא' פאר אלעס און סיי וואס, און דערפאר איז דאס אזוי וויכטיג צו היטן, אויפהאלטן און פארבעסערן אונזערע פארשידנארטיגע געגנטער. די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און דער New York Forward פראגראם זענען אויסגעשטעלט צו איינשפאנען די אייגנארטיגקייט פון אונזערע קאמיוניטיס און שאפן נאך אפילו א לעכטיגערע דעסטינאציע פאר מענטשן צו ארבעטן, וואוינען און פארברענגען. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר לאנג איילענד סיטי און האדסאן סקווער. די סטעיט דעפארטמענט קוקט ארויס צו זעהן אייער פארשריט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "לאנג איילענד סיטי, מיט אירע טומלדיגע אינדוסטריעס און רייכע קולטור, איז שוין יעצט אן עקאנאמישע טרייב קראפט און אן איינוואוינער-פריינטליכע צענטער אינערהאלב די ניו יארק סיטי מעטרא ראיאן. די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט וועט צולייגן צו לאנג איילענד סיטי'ס לעבעדיגקייט, שטיצנדיג טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וואס וועלן שאפן א מער אינקלוסיווע און פארבינדענע קאמיוניטי פאר פארשידענע באנוצן. אין צוגאב, וועט די 4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט פאר האדסאן סקווער מאכן א בריק אריבער די 'מחיצה' צווישן די וואוינונג געגנט און ביזנעס, און עס וועט עפענען די פאטענציאל פון די לאָווער מאנהעטן דיסטריקט וואס געפונט זיך אויף די אויפשטייג."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די סטעיט'ס 14.5 מיליאן דאלארדיגע פארפליכטונג צו לאנג איילענד סיטי און האדסאן סקוועיר וועט אינוועסטירן אין סטראטעגיש-פלאנירטע פראיעקטן וואס זענען אנגעוויזן געווארן אלס פריאריטעטן דורך קאמיוניטי פירער אויף די שטח אין קווינס און מאנהעטן. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראם, וועלכע האבן פארבעסערט לאקאלע עקאנאמיעס און באריייכערט געגנטער אריבער די עמפייער סטעיט."

**ניו יארק סיטי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָו-טשעיר און סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק טשענסעלאר, פעליקס וו. מאַטאָוס ראדריגעז, האט געזאגט,** "לאנג איילענד סיטי'ס DRI גרענט שפיגלט אפ די לעבהאפטיגע פאטענציאל פון די לעבעדיגע ניו יארק סיטי געגנט, און עס וועט אויפטרייבן אינוועסטירונג צו פארוווירקליכן איר צוקונפט אלס אן אינקלוסיווע מוסטער פון שטאטישע פארבינדונג און אויסגעמישטע באנוץ פון געגנטער. אויף אן ענליכן אופן וועט די 4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט צו האדסאן סקוועיר פארבעסערן די איינהייטליכקייט און די צוזאמשטעל פון די גאנצע קאמערציעלע דיסטריקט און מיט שכנות'דיגע קאמיוניטיס, אוועקשטעלנדיג דעם ראיאן אלס אן עקאנאמישע צענטער פון לאָווער מאנהעטן."

**האדסאן סקוועיר ביזנעס פארבעסערונג דיסטריקט פרעזידענט און CEO, סאמארא קאראסיק, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט קארפארעישען פארן אנערקענען די האדסאן סקוועיר ביזנעס פארבעסערונג דיסטריקט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו טראנספארמירן אונזער געגנט צו ווערן א פיסגייער-פריינטליכע און אריינעמיגע קאמיוניטי מיט גרין-געוואקסענע געסער און לעבהאפטיגע עפנטליכע ערטער. די NY Forward גרענט וועט אונז ערמעגליכן צו צוציהען מער ארבייטער, איינוואוינער און באזיכער — פאראויס רוקנדיג אונזער לאקאלע צענטער פאר שעפערישקייט און ערפינדונגען אוןביישטייערנדיג צו ניו יארק'ס אלגעמיינע עקאנאמיע."

די ניו יארק סיטי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע פון די זיבן פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלס נאמינירטע:

- די שטאט-צענטער (דאונטאון) זאל זיין געדיכט-געבויט, מיט קלאר-באצייכנטע גרעניצן;
- דער דאונטאון דארף קענען אויסנוצן פריערדיגע אדער ברענגען צו צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען אין דעם געגנט און איר אומגעגנט;
- עס זאל האבן לעצטנסדיגע אדער פאראויסגעזעהענע דזשאב וואוקס אינדערינען אין, אדער נאענט נעבן, דעם דאונטאון געגנט וועלכס קען צוציען ארבעטער צו דעם דאונטאון געגנט, שטיצן ווידער-אנטוויקלונג און מאכן וואוקס אויסהאלטבאר;
- די דאונטאון געגנט מוז זיין א ציהענדע און וואוינבארע קאמיוניטי פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען פון יעדן עלטער, איינקונפט שטאפל, דזשענדער, אידענטיטעט, פעאיגקייט, באוועגיגקייט און קולטורישע הונטערגרונט;
- די מוניציפאליטעט זאל זיך שוין האבן אונטערגענומען אדער האבן די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט זאל האבן אויסגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו ברענגען א חזון פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציאטיוון וועלכע קענען אריינגערעכנט ווערן אין א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון NY Forward געלטער; און

- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג פראצעדור און דורכפירונג פון פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

לאנג איילענד סיטי איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג דעם לאקאלן פלאנירונג פראצעדור. לאנג איילענד סיטי שליסט זיך אן מיט דזשעמעיקע, בראנקס, שטאט-צענטער ברוקלין, סטעטן איילענד, טשיינעטאון און איסט הארלעם וועלכע זענען געווען ניו יארק סיטי'ס געווינער אין די ערשטע זעקס DRI רונדעס.

לאנג איילענד סיטי וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער מיט ביז אזויפיל ווי $300,000 אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר די DRI'ס זיבעטע רונדע וועלן פארענדיגט ווערן אין 2024.

האדסאן סקוועיר וועט יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן אירע שטאטישע צענטערן. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערלייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע זעקס יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 700 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 69 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די

פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפנטליכט [דא](#).

**איבער דעם NY Forward פראגראם**
NY Forward איז א צענטראלע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. דער פראגראם ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די DRI צו פארשנעלערן און איסברייטערן די אויפלעבונג פון קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס בארייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, קוואליטעט פון לעבן און געזעלשאפטליך-עקאנאמישע פארשידנארטיגקייט.

איינמאל NY Forward קאמיוניטיס באקומען די געלטער, ווערן זיי געשטיצט דורך א פראפעסיאנאלער פלאנירונג קאנסאָלטענט און א מאנשאפט פון סטעיט אגענטור עקספערטן אנגעפירט דורך די DOS צו אויפקומען מיט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס רעכנט אריין א רייע פון טראנספארמאטיווע, ערגענצנדע און ארבעט'ס-גרייטע פראיעקטן. די פארנעם פון NY Forward פראיעקטן ווערן צוגעפאסט צו די גרויסקייט פון יעדע קאמיוניטי; פראיעקטן קענען אריינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען פון געביידעס, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן וועלכע בארייכערן ספעציפישע קולטורישע און היסטארישע אייגנשאפטן וועלכע גיבן א באדייט און אייגנארטיגקייט מיט די שטעטלישע חן וואס נעמט ארום די געגנטער.

די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלענער און פראיעקטן ווערן געטריבן דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטעט, וואס פירט אדורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי. די סטעיט דעפארטמענט שטעלט אויך צו ברייטע טעכנישע הילף און וועבינארן איבער וויאזוי צו בויען קאפאציטעט – מיט אויפטרעטנדע איינגעשטעלטע, עקספערטן און אנדערע אין ענטליכע מצבים פון די DRI קאמיוניטיס – וועלכע זענען אויסגעשעלט צו שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן מעגליך ווייניגער מיטלען און קאפאציטעט ווי גרעסערע, מער שטאטישע קאמיוניטיס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)